# מסכתא וואַקאַציע (מאָנאָלאָג)

## קטלאַ קניאַ

בײַ אונדז אין שטאָט איז דער מינהג אַז מוצאי תּישעה באָבֿ אַזוי ווי מען האָט נאָר עטוואָס טועם געווען און זיך איבערגעביטן די שטעקשיך הייבט זיך אָן מסכתּא וואַקאַציע. די מסכתּא, לאָמיך אײַך זאָגן, איז ניט פֿון די לײַכטע. עס ווערט אַ געלויפֿערײַ מיט אַ געשרײַערײַ, אַ געשלעפּעכץ מיט אַ געפּאַקעכץ; מענער, ווײַבער, און קינדער לויפֿן צעטומלט און צעטאָן. וואָס איז? וואָס הייסט וואָס איז? דו האָסט צײַט צו פֿרעגן? מען פֿאָרט אויף וואַקאַציע!

וואַקאַציע איז נישט אַ יום-טובֿ וואָס דער באַשעפֿער האָט געשאָנקען די ייִדן, נאָר ווי אַלע חומרות, האָבן זיי זיך עס אַליין גענומען. חומרות זאָלט איר נישט לײַכט שעצן ווײַל גלייבט מיר דער באַשעפֿער האָט אונדז אַזוי ליב בלויז צוליב די חומרות. אַז דער באַשעפֿער האָט געזאָגט איין טאָג יום-טובֿ מאַכן זיי צוויי טעג יום-טובֿ; אַז דער באַשעפֿער זאָגט אַ כּזית זאָגן זיי אַ כּביצה; אַז שבתנאַכטס באַווײַזן זיך דרײַ שטערן אויפֿן הימל זאָגן די הייליקע ייִדן "וואַרט אויס נאָך אַ מעניט, ס'איז נאָך נישט רבינו תּמס". גאָט האָט געוווּסט ווּעמען צו קלײַבן און בעסערס וואָלט ער אין ערגעץ ניט געפֿונען.

איז וואַקאַציע אויך פֿון די חומרות: צו די שלש רגלים האָבן זיי אַרײַנגעוואָרפֿן אויף אַ כּפּרה נאָך אַ יום-טובֿ, ויקרא שמו בישׂראל וואַקאַציע. מע מוטשעט זיך אויף דעם און מען הונגערט ווי אויף פּסח, מען טרייצלט אין דעם ווי אין אַ סוכּה און עס געדויערט אָנגעפֿער אַזוי לאַנג ווי פּסח מיט סוכּות אין איינעם.

אַז די מאַסן וואָס פֿאַרלאָזן די שטאָט זעען אויס ווי די בני ישׂראל בײַ יציאת מצרים, זענען די הכנות דערצו ניט קיין סך אַנדערש. איידער מען איז אַרויס פֿון מצרים האָבן זיך ייִדענעס געבאָרגט פֿון די שכנטעס אַלערליי כּלים; דאָס זעלבע איז הײַנט. ערבֿ די וואַקאַציע קלאַפּט מען אויף טירן און פֿענצטערס צי מען קען דאָס באָרגן און יענץ לײַען. איינער פֿרעגט צי מען ניצט דעם "רוף רעק" [אויטאָ-געשטעל], אַ צווייטער שרײַט אַרײַן אַז איר מאַן האָט עס שוין באַשטעלט ווען ער האָט זיך געזעגנט מיט יענעם בײַ כּפּרות שלאָגן, ווערט דערפֿון אַ גרעאַטשקע און ליהודים היתה אורה. צוריקגעבן גיט מען אויך אָנגעפֿער ווי מען האָט צוריקגעגעבן אין מצרים. אַ נעכטיגן טאָג כּכּוכבֿים בלילה.

וואָס האָב איך אָבער אײַך צו דערציילן פֿון יענעמס צרות ווען מײַנע אייגענע זענען גענוג. יום-טובֿ בײַ מיר האָט זיך אָנגעהויבן תּישעה באָבֿ נאָך חצות. יעקבֿ שמעון, זאָל ער זײַן געזונט און שטאַרק, איז אַהיימגעקומען דערציילענדיק אַז זײַן חבֿר האָט אים שטאַרק צוגערעדט ער זאָל פֿאָרן אויף דער שווייץ. דער חבֿר האָט דערציילט אַז אין דער שווייץ איז עפּעס אַזוינס און אַזעלכס. מען קען זיך דאָרט אויסרוען און מען קען שפּאַצירן אויף די בערג. יענער דערציילט אַז אַ צדיק האָט געזאָגט אַז ווען דוד המלך האָט געזאָגט "ברכי נפֿשי" איז ער זיכער געווען אין דער שווייץ. אַלע ייִדן פֿאָרן קיין שווייץ, זאָגט דער חבֿר, און מען קען דאָרט קריגן כּשר צו עסן און עס איז דאָ מנין אַיעדן טאָג און אַ מקווה און אַלץ וואָס אַ ייִד דאַרף צום לעבן.

יעקבֿ שמעון איז פֿון די אַלע מעשׂיות שטאַרק נתפּעל געוואָרן און ער וויל וויסן וואָס איך זאָג דערצו. פֿאַרשטייט זיך אַז כאָטש ער וועט פֿירן דעם קאַר און אויף אַלץ באַצאָלן וועט אָבער דער רעשט ליגן אויף מײַנע פּלייצעס. מיר האָט זיך ווו נישט ווו געשמעקט פֿאָרן אַ ביסל אויף אַן אַנדערן פּלאַץ אויף אַ ביסל מנוחה. יעקבֿ שמעון, האָב איך געהאַפּט, וועט דאָרט זײַן אַ ביסל וויניקער צעטראָגן און האָפֿנטלעך וועט ער מער פֿאַרברענגען אין דער היים. ווער ווייסט — אפֿשר וועט ער אפֿילו מיט מיר גיין שפּאַצירן. כ'האָב געהערט אַז די גאַנץ פֿרומע גיין אויך דאָרט שפּאַצירן מיט די פֿרויען.

איך האָב צוגעשטימט — כאָטש סע וואָלט זיך מיר אפֿשר געשמעקט מיט אַ פּאָר ייִדן וויניקער. האָט זיך אַצינד אָנגעהויבן מײַן יום-טובֿ.

אַ גאַנצן טאָג איז מיר יעקבֿ שמעון נאָכגעלאָפֿן צו דערמאָנען וואָס איך טאָר אַלץ נישט פֿאַרגעסן. די פֿליישיקע טעפּ מיט די מילכיקע טעפּ און איין פּאַרווע טאָפּ אין פֿאַל אַז איך דאַרף קאָכן נישט מילכיק און נישט פֿליישיק. פֿלייש וויל ער מיטנעמען ווײַל ער ווייסט נישט צי מען קען זיך פֿאַרלאָזן אויפֿן שווייצער שחיטה, און פֿיש אויך, ווײַל ער דערקענט נישט וועלכע פֿיש זענען כּשר. חלות זאָגט ער איז נישט נייטיק צו באַקן, ממילא דאַרף איך נישט מיטנעמען די בעקענעס. ער איז זיך אָבער תּיכּף מיישבֿ אַז אפֿשר זאָל איך עס יאָ אַרײַנפּאַקן.

שפעטער הייבט זיך עס אָן מיט די קליידער. ער פֿאַרלאַנגט איך זאָל אַרײַנפּאַקן בײדע שטרײַמלעך, סײַ דאָס רעגן-שטרײַמל, סײַ דאָס שיינע שטרײַמל. פֿרעג איך אים, "וואָס דאַרפֿסט די דען דעם שײַנעם שטראַמעל, דער רייגן שטראַמעל איז דיר נישט גענוג?" קוקט ער מיר אָן מיט רחמנותדיקע אויגן און איז מיר מסביר אַז גאַנץ שווייץ וועט לאַכן אַז ער וועט זיך אַרומדרייען אין אַ רעגן-שטרײַמל ווען אין הימל ברענט די זון. ער לייגט נאָך צו, "די פּאַס דיר איך אויף דאַנע שייטלען אין לאָז איבער די שטראַמלעך צו מיר".

"אָבער רבונו של עולם האָסט דאָך געזאָגט אַז אין דער שווייץ ווערסט די נאָר גיין אַ שטראַמעל אין דער הײַם איז וואָס דאַרפֿסט די אַ רייגן שטראַמעל?" ער האָט גאָרנישט געענטפֿערט. זעט אויס אַז יִדענעס פֿאַרשטייען צו שטרײַמלעך עטוואָס מער ווי מענער צו שייטלען. אויף נקמה האָט ער געברענגט צו שלעפּן דאָס שבתדיקע טאַשטיכל מיטן שבת-שליסל.

איך פּאַק און איך פּאַק און עס נעמט נישט קיין סוף. איך האָב מקנא געווען די שכנטע חנה גיטל. זי זאָגט נאָך פֿון איר מאַן אַז וואַקאַציע "מתּירט" מען זיך. מען דאַרף נישט אַלץ מיטנעמען און מען מעג אין וואַקאַציע זיך אַ ביסל מתּיר זײַן וואָס מען עסט און וואָס מען קוקט. איך האָב עס איבערגעזאָגט פֿאַר יעקבֿ שמעונען, האָט ער געזאָגט אַז דער באַשעפֿער געפֿינט זיך אויך אין וואַקאַציע. נו, מיטן באַשעפֿער וועל איך מיך גיין דינגען?

איך גיי אַרײַן אינעם קיך, זע איך אַז יעקבֿ שמעון האָט מיר אויפֿן טיש הכּל בכּל צוגעגרייט. דאָס חלה-דעקל מיט די מעשענע לײַכטער, טישטעכער מיט געשיר-האַנטעכער — רוויטע מיט בלויע אויף מילכיק און פֿליישיק, דאָס חלה-מעסערל מיטן זאַלצמעסטל, דער רב-מאיר-בעל-הנס פּושקע מיטן רעבינס מטבעה — פּשוטו כּמשמעו אַלצדינג. איך דריי מיך אויס, שטייט ער הינטער מיר מיט קעלבענע אויגן. ער האַלט דאָס נעגל-וואַסער שיסל און טעפּל. ער רופֿט זיך אָן, "וואָס מיינסט דו איך קען נישט די שווייצע? קײַן נעגל-וואַסער וועלן זיי נישט צישטעלן". "אין אַ מים-אַחרונים טעפּל דאַרפֿסטי נישט?" אויף דעם מאַכט ער מיט דער האַנט אַז ס'איז נישט קיין מצווה אַלץ צו שלעפּן.

הודו לשם מען איז שוין געפּאַקט און אַלץ איז אַרײַנגעשטופּט אינעם קאַר. איבער די וואַליזן ליגט דער טלית און תּפֿילין און אויך די שבתדיקע טלית מיט דער עטרה און די זײַדענע בעקיטשעס מיט דער טיש-בעקיטשע און אועל כּולם די רעזשוואָלקע. אַז ער דאַרף מיטנעמען דאָס זײַדענע גאַרטל וואָס די מאַמע האָט אים געפֿלאָכטן צום יום החופּה זאָגט זיך אַליין.

מען שטייט שוין בײַם קאַר, דערמאָנט זיך מײַן תּכשיטל אַז איין טעפּל מיט איין האַנטעך מוז ער האָבן זיך צו וואַשן אויף די סענדוויטשן אונטערוועגנס און איך זאָל זיי אַרויסציִען פֿונעם וואַליז. האָב איך אײַך ניט געזאָגט אַז ס'איז אַזוי ווי פּסח? פּונקט ווי אויף בדיקת חמץ דרייט מען ווידער איבער דער נאָר וואָס ריין-געמאַכטע שטוב אַזוי אויך האָב איך געדאַרפֿט איבערדרייען אַלע נאָר וואָס געפּאַקטע וואַליזן איבער אַן על נטילת ידים. אוי, ומי כּעמך ישׂראל!

אַכלל, דער קאַר איז געפּאַקט, די קינדער זיצן און וואַרטן, איך קריך שוין אויך אַרײַן, פֿון אונטן, אָבער יעקבֿ שמעון שטייט בײַ דער טיר, בײדע הענט פֿול מיט ספֿרים, פֿאַרגלייצט בײַ דער מזוזה. איך שרײַ "נו, קים שוין" אין ער מאַכט זיך מיטאַמאָל צעטאָן.

ער קומט אַרײַן אינעם קאַר. הייבט ער מיר אָן צו פֿאַרהערן. "האָסט דאָס גענומען? האָסט נישט יענץ פֿאַרגעסן?" זאָג איך אים, "כ'האָב אפֿילו גענומען די בשׂמים מיטן הבֿדלה-לעכטל. נו, יעצט גלייבסט דו שוין?"

ענלעך, מען פֿאָרט שוין, און איך דערמאָן מיך אַז איך האָב פֿאַרגעסן מײַנס אַ טיכל. איך בעט אים ער זאָל זיך אויסדרייען אָבער ער קען נישט. ער טענהט אַז עס שטייט פֿון צדקים אַז "מען גײַט נישט צעריק." לאָמיר נאָר זען וואָס ער וואָלט געטאָן מיט די צדקים ווען איך זאָל האָבן פֿאַרגעסן זײַנס אַ שבתדיקן שלאָפֿקאַפּעל.

דער קאַר אונדזער איז אַ מסכתּא בפֿני עצמו. ווען דער קאַר זאָל זײַן אַן אייזל וואָלט עס געווען צאַרבעלעכײַעם. אויבן אויפֿן דאַך ליגן צוויי אָנגעשטאָפּטע רענצלעך צוגעבונדן מיט שטריקן, גאַרטלעך און ווייס איך וואָס. אינעם טראָנק ליגן נאָך אַ פּאָר קעסטלעך מיטן גאַנצן עסן און פֿאַרשטייט זיך קיין עין הרע די קינדערלעך מיט מיר צוזאַמען.

כ'זאָל זאָגן ס'איז אַ זכר לחורבן איז עס אַ קאָמפּלימענט. ס'בלאָזט אַ תּקיִעה גדולה בײַ יעדן קוועטש און קרעכצט, איכה אויף יעדער דריי. אָבער ווי יעקבֿ שמעון זאָגט, "ברוך השם סע פֿאָרט". צו דערמאָנען אַזאַ פֿאָרן עסן מיר מרור פּסח אויף דער נאַכט.

מיר קומען ענלעך אָן אין די בערג נאָך אַ מעת-לעת זיך מוטשערן אונטערוועגנס, און מיר הייבט אָן לײַכטער צו ווערן. די לופֿט איז טאַקע פֿײַן און די בערג זענען אַ פּראַכט. יעקבֿ שמעון איז אָבער נאָר אינטערעסירט ווען ער וועט שוין טרעפֿן אַ היימיש פּנים. כּאילו ס׳איז דאָ פֿון דעם אַ מאַנגל אַ גאַנץ יאָר. ער איז פֿאַרדאגהט ווו דער מנין איז און ווו מען קויפֿט חלות. ער האָט אַ שטיקל פּלאַן אַז בײַ אונדז אין דירה וועט ער מאַכן אַ מנין און צוליב דעם האָט ער מיטגעשלעפּט אַ ספֿר תּורה. ער זאָרגט זיך נאָר אַז ער וועט נישט האָבן מנין. אַ גאַנץ יאָר אחינו בניִ ישׂראל; פֿאָרט מען אויף וואַקאַציע — ווידער אחינו בני ישׂראל.

אַז מען קומט אָן בײַם אַפּאַרטמענט איז יעקבֿ שמעונס ערשטע דאגה אַרויפֿצולויפֿן אָפּצודרייען דעם טמאנעם כּלי. דאָס שאַט, זאָגט ער, פֿאַר די קינדער ווײַל רחמנא לצלן מען זעט דאָרט שרעקלעכע זאַכן. דערנאָך סאָרטירט ער אויס די שלאָפֿצימער צו צעטיילן דעם טאָפּעלן בעט. און איידער ער פֿאַרגעסט דרייט ער אויס דאָס לעמפּל אינעם פֿריזשידער אין פֿאַל אַז ער וועט פֿאַרגעסן פֿאַר שבת און מען וועט נישט קענן אויפֿמאַכן די טיר.

מען פּאַקט אויס דעם קאַר און איך דריי מיך נאָר אויס און יעקבֿ שמעון איז נעלם געוואָרן. מן הסתם געגאַנגען זוכן אַ מיקווה.

די קינדער האָבן שוין אָפּגעגעסן און זיך געלייגט, און איך גיב אַ קוק ווי אַזוי אָנצודרייען דעם כּלי וואָס יעקבֿ שמעון זאָגט איז טמא. יעקבֿ שמעון האָט אָבער אַראָפּגענומען דעם שטעקער. שטעל איך מיך בײַם פֿענצטער מיט אַ תּהילימל און באַוווּנדער מײַן וואַקאַציע.

ער רוקט זיך באַלד אָן מיט אַ זאַק מיט מעשׂיות. ער ווייסט שוין ווו אַלץ איז, דער שול, דער כּשרער האָטעל, דער בעקערײַ, דער מנין. ער ווייסט אויך ווי ווײַט מען מעג גיין אויף שבת און ער האָט געטראָפֿן פּלונין און אַלמונין. ער ענדיקט דערציילן, באַמערקט ער אַז איך שטיי נאָך אַלץ אויסגעדרייט בײַם פֿענצטער. גיט ער אַ זאָג: ״ס׳איז גוואַלדיק, האַ״.

גוואַלדיק, גוואַלדיק. אַכצן סאָרט אתרוגים זענען פֿאַראַן, פֿופֿצן מיני מצות, אַ מנין שיִעורים טליתים קטנים, און צענדליקע מאָסן פֿון קאַפּעלעך און גאַרטלעך, נאָר אויף ווערטער איז דאָ אַ מאַנגל. אַלץ איז גוואַלדיק און גוואַלדיק. אַ שיינע בוים איז גוואַלדיק און אַ טײַכל צווישן די בערג איז ווידער גוואַלדיק. און אַז גוואַלדיק ווערט צופֿיל ווערט עס מוראדיק — און מער איז נישטאָ. גוואַלדיק און מוראדיק און מוראדיק און גוואַלדיק. איך זע קי פּאַשן, דער גלאָק קלינגט זיך אין די שאָטן פֿון די שפּיץ בערג; ער זעט באַלד כּשר מילך. איך זע אַ טײַכל; ער זעט אַ מקווה. איך זע ווי די שניי בליטשקעט זיך אין דער שײַן פֿון דער לבֿנה, און ער דערמאָנט זיך ער דאַרף מאַכן קידוש לבֿנה. און ווען ער לויפֿט אויס פֿון מצוות איז עס גוואַלדיק און מוראדיק. שוין בעסער מצוות.

* * *

אַרומגענומען מיט אַחינו בני ישׂראל. אַרומגענומען מיט מצוות און יִידישקייט. עס גלוסט זיך זאָגן ״אַתּה בחרתּנו״